...er-Kielcer Leben № 2 (292) „Nal. pocz. uiszczone ryczałtem" הײַנט 8 זײַטן VII יאָרגאַנג

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען


Radom Piątek 10 Stycznia 1930

ראַדאָם, פרײַטאָג י׳ טבת תר״ץ

פרײַז 25 גראָשען.

Redakcja i Admistracja
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

אַנאָנסען פרײַזן

אײן מילימעטער שורה: פאַר׳ן טעקסט 40 גר.
„ „ „ „ אין „ 60 „
„ „ „ „ נאָכ׳ן „ 25 „

די ערשטע און לעצטע זײַט צװײמאָל 3 שפּאַלטן, אין טעקסט 4



צו דער פאַרלאָבונג פון אונזער ליבען ברודער און שװאָגער
נתן לאַנדױ מיט פרל׳ מאַניע טאַנדעטניק
װינשען מיר פיעל גליק. זאָל זײַער מזל שײַנען װי די ליכטיגע זון און פרײלעך, זאָלט ליבען טאַטער װינשען מיר מזל-טוב און פיעל נחת.
יעקב לאַנדױ עט פרוי.

א האַרציגען מזל-טוב װאונש איך מײַן נאָהנטסטען פרײנד
ה׳ איסר ליפּשיץ מיט זײַן פרוי
צו די חתונה פון זײער ליבען זוהן
שלמה מיט פרל׳ מאַניע קאָנטאָראָװיץ
(אין מאָנטרעאַל)
דעם ײנגען פּאָרל װינשען מיר א צופרידען און א גליקליך צוזאַמענלעבען.
יעקב העכטמאַן מיט זײַן פאַמיליע.

צו די חתונה פון אונזער ליבען ברידערן-זוהן שלמה ליפּשיץ מיט פרל׳ מאַניע קאָנטאָראָװיץ,
װעלכע קומט פאָר אין מאָנטרעאַל דעם 12|1 1930
װינשען מיר דאָס זײַער לעבענס-װעג זאָל מיט עװיגעס גליק בעצירט זײַן.
אברהם און ישראל העלפּמאַן עט פאַמיליע.

יהודית
— און —
הולופורנוס

צו דער פערלאָבונג פון מײַן ברודערן-טאָכטער פרל׳ מאַניע טאַנדעטניק מיט ה׳ נתן לאַנדאו
װאונשען מיר עװיגעס גליק און צופרידענהײט.
דוד בער טאַנדעטניק עט פאַמיליע.

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל אונזערע געעהרטע חברים
שלמה און יעקב פישמאַן
צוליעב דעם פריהצײַטיגען טױדט פון זײער ליבע שװעסטער
הינדה ה. ע.
זאָלען זײ א טרײסט געפינען אין זײער געזעלשאַפטליכער ארבײט.
דאַמען-פאַך-סעקציע
בײַם שנײַדער-מײַסטער-פעראײַן
אין ראַדאָם.

די פערװאַלטונג פון ראַדאָמער בית-יתומים
אַרדענט-אײַן א גראַנדיעזען
מאַסקען-באַל
דעם 25-טן סטיצין 1930
אין די זאַהלען פון טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי"
א ערשטקלאַסיגער אָרקעסטער
א רײַך-אײַנגעאָרדנעטער בופעט מיט ביליגע פרײַזען
צוגענגליך פאַר אַלעמען
און פערשידענע אַטראַקציעס.
בעמערקונג: די רײנע הכנסה פון באַל איז צו פערשטאַרקען די קאַסע פון בית-יתומים.

די פלאַנצען-פוטער
„אַמאַדאַ"
האָט דעם זעלבען טעם
װי נאַטירליכע פוטער




Przedstawiciel:
J. ZYLBER
RADOM,
DŁUGA 5 — telef. 580

# KINO „ODEON“ w RADOMIU.

**Od PONIEDZIAŁKU dn. 13 stycznia 1930 r.**

גרעסטער וועלט פילם

אויסגעפיהרט ביי דער בעטייליגונג פון 10,000 ארטיסטען און ערשטקלאסיגע עקראן - שטערען אין דער שפיץ, דורך דעם מייסטער

## מיכאל קערטעש

איבעראשענדער ■ מבול ■

ווילדע געצען-דינערישע ארגיעס

דער פילם הייסט

# ARKA NOEGO

# נח׳ס תיבה

דאס איז פון די שטארקסטע פילם-ווערק מיט א אימגעהוירען רייסענדען אינהאלט. קאלא-סאלער פערנעם אין דער אויפפיהרונג און מוסטערהאפטע טעכניק.

◆◆◆ אונפערגלייכליכע קרעאציע. ◆◆◆

דער פרעכטיגער דריילינג:

**א פילם**
וועמענס רעאליזאציע ס׳האט געקאסט
העכער 2,000,000 דאלאר
און 2 יאהר ארבייט.

**א פילם**
איבער וועמענס רעאליזאציע ס׳האבן
געארבייט הונדערטער אינזשיניערען,
בוי-מייסטער און טעכניקער.

**George O'BRIEN**

אלס יפת, נח׳ס זוהן און אמעריקאנער זעלנער אין דער גרויסער קריעג

די פערקערפערונג פון מענליכע קראפט ריטערליכקייט און דרייסטקייט.

**Dolores COSTELLO**

אין דער ראל אלס מרים, יפת׳ס כלה פרוי און כשופ׳דיגע טענצערין

די וואונדערליכע בלאנד-רייצענדע, די געטין פון שענהייט און ליעבע.

**Noach BERRY**

אין דער ראל אלס געצענדינערישער הערשער און רוסישער פולקאווניק ניקאלאיעוו

ער רעפרעזענטירט ברוטאלע קראפט און אכזריות׳דיגקייט.

**שרעקליכע באהן-קאטאסטראפע אויף דער ליניע פאריז-קאנסטאנטינאפאל**

די גאך נישט-געזעהענע אויסשטאטונג און די אויסערגעוועהנליכע טעכניק פיהרען אריין אין שטוינענדע בטהאונדערונג.

דאס בילד תייזט צוויי עפאכען: די ביבלישע און די היינטיגע צייט, די מאדערנע.

צום בילד ווערט צוגעגעבען א פערשטארקטע מוזיקאלישע אילוסטראציע פון א פערגרעסערטען ארקעסטער-אנסאמבל.


אין אנדערע דינים, וואס זענען ביי יו-דען אזוי הייליג חטייטש, א הר זענט דאך רעליגעזע יודען און מיינע קינ-דער, אנשטאט „מודה אני“, קריאת שמע און ברכה, וועלען זיי דאך אויס-לערנען זיך אנדערע, נישט קיין יודישע תפלות, און חוץ דעם, צי פערשטעהט איהר דען נישט, אז איין יוד איז סתם שווער צו וואו נען אין איין שטוב מיט 10 נישט-יודען? מ׳איז נאר מענשען און ביי יעדער מיספערשטענדניש איז דאך דער שוואכערער אין אלעם שולדיג...

דער יוד פרעגט באמת א הארבע קשיא, אבער ווער פיהלט איהם מיט?

די מורי הוראות מיט די גבינע האבען נישט קיין צייט צו אזעלכע קלייניג-קייטען און זיי האבען וויכטיגערעס צו ערלעדיגען...

זאל די יודישע בעפעלקערונג אין ראדאם נישט וואַרטען אזוי לאנג, ביז ס׳וועט זיך דערוועקען דער פונק פון רחמניות ביי אונזערע פאטענטירטע כלל-טוהער, נאר זאל יעדער העלפען מיט וואס איינער קאן דער דאזיגער ארימער פאמיליע יאסקאוויטש. אז זי זאל זיך קענען דערשלאגן צו א אייגען שטיקעל דירה׳לע מיט א דאך איבער׳ן קאפ.

קומען פון ווארשא דער דאמעס מאן — ער האט צו קיינעם קיין טענות נישט, נישט צו זיין ווייב און נישט צו אונ-זער בן-עיר, נאר ער וויל בלויז, אז זי זאל נעמען גט, כדי זי זאל קענען חתונה האבען מיט איהר געליבטען כדת משה וישראל.

האט זיך די דאמע מיט׳ן מאנ׳ס פארשלאג, פערשטעהט זיך, דערפרעהט, אבער אונזער בן-עיר האט זיך אנגע-הויבען צוריקציהען, אז ער האלט גארנישט ביי חתונה האבען — די גאנ-צע מעשה איז ביי איהם געווען נישט מעהר ווי א שפאס...

איצט טומעלט זיך צווישען מאן, ווייב און געליבטער און ס׳איז שווער צו זאגען מיט וואס דער טומעל וועט זיך ענדיגען...

יהודית און הולופורנוס


Biuro buchalterji, korespondencji i podań

# „VITA”

**RADOM, ul. ŻEROMSKIEGO 5, tel. 66.**

**ZAŁATWIA:**

**Buchalterję i korespondencję handlową, sprawy podatkowe, rekursy :-: do wszystkich urzędów państwowych i administracyjnych. :-:**

Windykacje weksli zaprotestowanych

na całą Rzeczpospolitę Polską.

**דאס איבערנעמען ביורא איז טעטיג פון 1 סטיצען 1930.**


## דער ראדאמער סוחר, וואס האט „פאוואדזעניע“.

### פאהרט קויפען סחורה און ברענגט זיך א פרעמד ווייב.

אין שטאט גיעט מען איבער א שעהנע געשיכטע פון א היגען רייכען יונגערמאן פון דער בעסערער בעזעל-שאפט.

דער דאזיגער יונגערמאן האט זיך פון וואכענטאג אוועקגעלאזן קיין ווער-שא איף א שפאציר אין א טאקסיבקע. גשפאהרען איז ער מכלומר׳שט קויפען סחורה און דארט שטארק א ליבע גע-טוהן, צו. אנר. האט ער זיך אין ווער-שא בעקאנט מיט א יונגע שעהנע דא-מע און אין עטליכע טעג בעוויזען צו פערפיהרען מיט איהר א שטארקען ראמאן.

דער סוף איז געווען — ער האט דער דאמע צוגעזאגט, אז ער חעט מיט איהר חתונה האבען און געבראכט איהר מיט זיין טאקסיבקע קיין ראדאם.

דא האט ער איהר פארגעשטעלט פאר זיינע בעקאנטע, אז זי איז א ווער-שאווער מיידעל, זיינע א כלה.

ביז לבינו איז פלוצלינג אראבגע-

פון דער ציונ. אָרגאַניזאַציע.

פרייטאָג פ' ווינש (דעם 10 יאַנואַר) פּינקטליך 8 אַ זייגער אָווענד וועט פּראָפ. פ. מושקאַטבליטה האַלטען אַ רעפעראַט אין לאָקאַל פון דער ציונ. אָרגאַניזאַציע, א. ד. ט. „אבן-עזרא און ר' יהודה הלוי".

### אַ פאָלק'ס = פאָרלעזונג

פרייטאָג צונאַכט'ס קומט פאָר אין טעאַטער „ראָזמאַיטאָשטשי" אַ פאָלק'ס-פאָרלעזונג פון משה ערעם, מיטגליעד פון ראַט פון הסתדרות העובדים אין ארץ ישראל, שליח פון דער ארץ-ישראל'דיגער פועלי-ציון-פּאַרטיי א. ד. ט. „ארץ ישראל אין יורישען

לעבען".

### אויסבעסערונג.

אין בעריכט פון דער האַנדווערקער-אַקאַדעמיע בעת דער פּאָהן-ענטהילונג, וואו ס'איז געהען געדרוקט אין פאָריגען נומער פון אונזער צייטונג איז על פי טעות נישט דערמאָנט געוואָרען צווישען די בעגריסונגען די יודישע באַנק פון דרישער מאַי, אין וועמענס נאָמען ס'האָט בעגריסט ה' ישראל דיאַמענט. וואָס מיר בעסערען דאָ אויס.

ר ע ד.


## בעקאַנטמאַכונג.

די קהלה-פערוואַלטונג מאַכט בעקאַנט, אז בהכסם מיט'ן פאַר. 13 פון די פערעליכטענדע פאַרשריפטען וועגען די אידישע רעליגיעזע קהלות (דז. אוסטאַוו נר. 52 פאָז. 500 פון 1923) וועט דער בודזשעט און די ליסטע פון קהלה-שטייער (עטאַט) אויפ'ן יאָהר 1930 אויסגעלעגט ווערען צום דורכזעהען פאַר די קהלה-מיטגלידער במשך 8 טעג, ד. ה. פון דינסטאָג דעם 14-טען פטישטען ביז מיטוואָך דעם 21 שטישטען ל. י. איינשליסליך אין דער קאַנצעלאַריע פון דער קהלה (לובלינער 9) אין די אַמט-שעה'ן ד. ה. פון 9 פריה ביז 2 בייטאָג.

ראדאָם, 10 יאַנואַר 1930 י.

די פערוואַלטונג

פון דער **אידישער קהלה**

— אין ראַדאָם. —



## די „תלמוד-תורה הכללית"

אין אונזער שטאָדט, וועלכע ס'לערנען אין איהר עטליכע הונדערט קינדער כ"י האַלט ביי געשלאָסען ווערען צוליעב די ניטמעגליכקייט אויס צוצאָהלען די מלמדים און לעהרער זייער שכר לימוד.

דעריבער ווענדעט זיך דער קאָמיטעט פון „תלמוד-תורה" מיט אַ בקשה, דאָס יעדער יוד אין אונזער שטאָדט זאָל זיך אויס מיטגליעד דעקלאַרירען און אויף זיך נעמען אַ התחייבות פון אַ מאָנאַטליכען אָבצאָהל פאַר דער „תלמוד-תורה" לויט זיין מעגליכקייט, אַשר דערמיט וועט קענען ווערען דערהאַלטען איהר ווייטערדיגער עקזיסטענץ.

די פערוואַלטונג פון ת"ת הכללית דריקט אויס איהר בעסטען דאַנק פאַר דער נדבה 20 זל. פון פרוי יהודית וואַרשאַווער.

קאָמיטעט פון „תלמוד-תורה הכללית"

— אין ראַדאָם. —



## Kino „NOWE CZARY" w Radomiu.

פון מאָנטאָג דעם 13 סטיציען 1930

# JUDYTA

i

# HOLOFERNES

# יהודית און הולופורנוס

צוויי עפּאָכען:

די אַלטערטימליכע און די היינט-מאָדערנע

די אויספיהרונג פון דער אַלטערטימליכע עפּאָכע

האָט אָבגעקאָסט לעגענדאַרע סומעס. דער פערנעם איבערשטייגט די פילמען:

**„Mesalinę" i „X przykazań".**

די היינטיג-מאָדערנע עפּאָכע

אילוסטרירט די גאַנצע שפע און עשירות פון לעבען און גענוס פון דער היינטיגער צייט און ריהרט מיט איהר בולט'ען און העלפּאַרביגען רעאַליזם.

דער פּראָגראַם בילדעט אַיין גאַנצעס.

אויפ'ן פילם ערשיינט די שענסטע פרוי פון דער וועלט

**IJA RUSKAJA.**



## Kino „SWIT" w Radomiu.

פון מאָנטאָג דעם 13 ה. ח.

וועט דעמאָנסטרירט ווערען 2 ערשטראַנגיגע בילדער

1) די ליבע = פערקויפערין

**Sprzedawczyni Miłości**

מיט'ן אנטייל פון די בעסטע פילם-אַרטיסטען.

אין דער הויפּט-ראָל

**NORMA SCHEAREV**

דאָס בילד מאַכט מיט זיין אינטערעסאַנטען אינהאַלט דעם שטאַרקסטען איינדרוק אויף די צושויער.

2) אינטערעסאַנטע קאָמעדיע א. נ.

**PATSY**

מיט'ן אנטייל פון **MARJA DUVIES**

דער אויסגעצייכנעטער אָרקעסטער בעשטעהט פון 14 פּערזאָן.



אונזער טיפסטען מיטלייד דריקען מיר אויס דעם ה' שלמה פישמאַן צוליבן טויט פון זיין שוועסטער.

**הינדה ב. ש.**

האַנדווערקער קלוב און האַנדווערקער-באַנק

אין ראַדאָם.



## *Kino ODEON Teatr*

Od czwartku dn. 9/1 1930 r.

Przemiła, sympatyczna i subtelna swej kreacji **Coolen Morr** znana z całego szeregu filmów, w najnowszej

— — p. t.

**GRZESZNICA**

oraz doskonały w wykonaniu o nadzwyczajnej treści **Pojedynek w samolocie**

w roli głównej ulubieniec publiczności **TOM MIX**.



## *Kino NOWE CZARY Teatr*

Dziś i dni następnych

**KRYSTYNA** דאָס שענסטע מייסטער-ווערק פון ליבע

w roli tytułowej **JANET GAYNOR**.

Drugi film **Biali Indjanie** z Rexem Beall'em






יהודית און הולופורנוס






## *Kino „ŚWIT" Teatr*

Od dnia 6 stycznia i dni następnych

הערליך בילד א. נ.

**Kobieta bez serca**

Nad program

**Ewa w samochodzie**

# קעלצער אבטיילונג.

## קאנסטיטואירענדע צוזאמענפארזאמלונג פון יודישער האנדווערקער־פערבאנד אין קעלץ.

ביי א פולגעפאקטען און הערליך דעקארירטען זאל עפנט דער פערטרעטער פון די סטאראסטווא, ח' מאסיעוויטש זונטאג דעם 5/1 די קאנסטיטואירענדע פערזאמלונג פון שניידער־היטעלמאכער און קירזשנער־צעך אין קעלץ און איהר אומגעגענד. דער רעפערענט שטעלט זיך אפ אויף דעם נייעם צעכען־געזעץ ווי עס דארף רעארגאניזירט ווערען די פוילישע מלאכה אין דעם בעפרייטען פוילען און צו דעם צוועק ווערען בעשאפען די צעכען, וועלכע דארפען שטעהן אויף דער וואך און צוגרייטען דעם יונגען דור צום נייעם געזעץ.

אלס פארזיצער פון די פערזאמלונג ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט ח' ש. לייכטער, וועלכער דאנקט די פערזאמלטע פאר דעם צוטרוי. אלס אסעסארען: דזשאדעק, מיצעגמאכער. דאס ווארט צו בעגריסונג בעקומט ח' י. גוטמאן אין נאמען פון די האנדווערקער־קאמער, וועלכער קען אבער איינינע מינוטען נישט רעדען, ווייל די טרערען שטיקען איהם. ח' י. גוטמאן ערקלערט, אז די אידישע פערטרעטער אין די האנדווערקער־קאמער פיהרען א שווערען קאמף אויף יעדען שריט און טריט. מען וויל אלץ אויסווייזען, אז דער אידישער האנדווערקער איז א פארטאטש א. ז. וו. איבערהויפט ווייזט ארויס זיין אידען־פיינדליכקייט דער ראדאמער פערטרעטער אין די האנדווערקער־קאמער ה' באלגער. ח' גוטמאן פערענדיגט זיין בעגריסונג מיט דער האפנונג, אז דער אידישער בעל־מלאכה וועט ארויס מיט נצחון פון אלע זיינע פערפאלגער, וועלכע ווילען איהם שלעכטס טוהן. מען דארף אבער שטעהן אויף דער וואך, און צו דעם דאזיגען נצחון קען נור דערפיהרען א שטארקע ארגאניזאציע. ה' גוטמאן בעגריסט גלייכצייטיג אין נאמען פון וויצע־פרעזידענט פון די האנדווערקער־קאמער ה' קלושנאק, וועלכער האט נישט געקענט קומען אויף די פערזאמלונג.

אין נאמען פון די קעלצער אידישע גמינע בעגריסט ה' מ. ראזענבלום; אין נאמען פון האנדווערקער־פעראיין דער פרעזעס ח' א. מאנעטאז פון לינת־הצדק, קלוסקאז פון שיסטער, גארבער און רימארס־צעך, ח' ב. לאקס; פון די פאלקס־באנק, טענענבוים; פון קאמאשענמאכער, י. אפעלשטיין; פון מעטאלאוועס, י. קופערבערג.

, ס'ווערט איבערגעלייענט א בעגריסונגס־טעלעגראמע פון בענדינער שניידער־מייסטער־פעריין, א בעגריסונג פון דיר. פון די פאלקס־באנק י. מ. רייזמאן, א בעגריסונג פון ח' י. גאלדשיירער.

נאך דעם פערענדיגען די בעגריסונגען טרעט מען צו צו וועהלען 1 סטארשי, 3 וויצע סטארשעס און א פערוואלטונג. אלס סטארשי ווערט געוועהלט ח' ש. לייכטער מיט 122 שטימען. אלס פאד־סטארשעס ווערען געוועהלט די חברים: ק. וויצמאן מיט 106 שטימען, וו. צוקער 100 שטימען און י. ד. העפטער 64 שטימען. אין די פערוואלטונג זענען געוועהלט געווארען פאלגענדע חברים: ז. דזשאדעק, מ. לערער, ח. מיצענמאכער, ע. לעהי, ה. יאקובאוויטש, מ. בארענשטיין, ה. גערשטענפעלד, א. סטאשעווסקי, ח. טענענבוים, א. שאפיער.

אלס פערטרעטער: ז. יאסקאוויטש, י. פרידמאן, ל. אורבאך, י. יאקובאוויטש. ש. קאנטאראוויטש. נ. דריגאנט.

דער בודזשעט אין דער הויך פון 3000 זל. איז בעשטעטיגט געווארען. ביי א געהויבענער שטימונג האט זיך די פערזאמלונג פערענדיגט 5 אזייגער פארטאגס.

**ש. סטראדזשינסקי, קעלץ.**

---

מיטוואך דעם 22 יאנואר, 5 אזייגער אווענד, קומט פאר די קאנסטיטואירענדע פערזאמלונג פון בעקער, צוקער־בעקער און צוקערניקעס צעך. אלע אויבענדערמאנטע ווערען אויפגעפאדערט צו קומען אונטערשרייבען דעקלאראציעס. זונטאג 3 אזייגער נ. מ. קומט פאר א פארוואהל־פערזאמלונג פון אויבענדערמאנטען פאך.

---

## ווער זענען די נייע מיטגלידער פון ראט און פערוואלטונג פון דער היזווירטען־באנק?

פערגאנגענער וואך איז פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער היזווירטען־באנק, אויף וועלכער ס'איז אויסגעוועהלט געווארען א נייער ראט און פערוואלטונג.

די פערוואלטונג בעשטייט פון פאלגענדע פערזאנען: 1) סט. ראטמאן, 2) לעאן גאטליב, 3) וו. יוויינריב, 4) ח. י. אייזענבערג און 5) מ. וואסערמאן. אלס פערטרעטער: א. אמבערג, ג. אסטראוויטש און יעקב גאלדבלום.

צום ראט געהערען: 1) לעאן רייזמאן, 2) מאיר אייזענבערג, 3) ז. גערטלער, 4) ל. לעווינזאהן, 5) י. מ. פריד, 6) ה. ל. אלבירט, 7) ד. זיפהאלץ, 8) י. טשארני, 9) ב. מאשענבערג, 10) פ. קאכען, 11) ב. קופערבערג און 12) ק. פישמאן.

אין אלגעמיין בעמערקט זיך לעצטענס אין דער דערמאנטער באנק, וועלכע עקזיסטירט ערשט איין יאהר, א דאנק די ארבייט פון דירעקטאר, ה' מאורבערגער מיט דער מיטהילף פון געוויסע אנגעזעהענע מיטגלידער פון ראט און פערוואלטונג — א שטארקע אויפלעבונג. די צאהל מיטגלידער איז בעדייטענד פערגרעסערט געווארען, די איגקאסא און דיסקאנטא אפעראציעס האלטען אין שטייגען א. אז. וו. און ס'איז צו האפען, אז מיט דער צייט. וועט די היזווירטען־באנק פערנעמען א געהעריגען פלאץ אין דערגרייכען צו א פאסענדער מדרגה.

---

## וועגען דער „פאלקס־מתנה" פאר דעפוטאט יצחק גרינבוים.

ווי ס'איז שוין געווען געמאלדען אין אונזער צייטונג איז, ווי אומעטום, אויך אין קעלץ געשאפען געווארען א קאמיטעט צו פייערען דעם 50־יעהריגען יובילעאום פון דעם ציוניסטישען מנהיג יצחק גרינבוים. צווישען אנדערען פיהרט דער יובל־קאמיטעט א זאמעל־אקציע לטובת דער דורכן „היינט" פראקלאמירטער „פאלקס־מתנה" פאר יצחק גרינבוים. ביז איצט בעטרעפען די דעקלארירטע סומען אנ'ערך פון 1000 זלאטעס.

דער יובל־קאמיטעט מאכט דעריבער בעקאנט, אז די זאמלונג פאר דער „פאלקס־מתנה" וועט פערענדיגט ווערען דעם 20 ה. ח. און צוליעב דעם וועלען די מיטגלידער פון יובל־קאמיטעט היינטיגע וואך בעזוכען די פערזאנען, וואס פערעהרען אונזער פיהרער גרינבוים.

---

## א ציוניסטישער קרייז־קאמיטעט אין קעלץ.

אויפ'ן ספק פון בעשלוס פון 9־טען ציוניסטישען לאנדעס־צוזאמענפאהר וועט אין קעלץ, ווי אין די אנדערע וואיעוואורזשטוועס אין קאנגרעס פוילען, איינגעארדענט ווערען א ציוניסטישער קרייז־קאמיטעט פאר דער גאנצער קעלצער וואיעוואודזשטווא.

---

## צוזאמענפאהר פון די קאאפעראטיווע בענק פון קעלצער וואיעוואודזטווא.

ווי מיר דערוויסען זיך, וועט עדע היינטיגען חודש פארקומען אין קעלץ א צוזאמענפאהר פון אלע אידישע קאאפעראטיווע בענק פון דער קעלצער וואיעוואודזטווא, וועלכע געהערען צום אלגעמיינעם רעוויזיאנס־פערבאנד אין ווארשא.

---

יהודית אין הילאפירנוס




א גרויסע
ווייך און מעהל־פאבריק אין קעלץ
זוכט פעהיגע אגענטען
— אויף — ראדאם
און אומגעגענד.
מיט אפערטען און אינפארמאציעס זיך צו ווענדען:
CH. ZIELONY Kielce, CZYSTA № 31.

